**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 30/01/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט אז איבער $22 מיליאן צוגעטיילט אין רונדע 12 פון דער רעגיאנאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאנסיל איניציאטיוו**

***צווייטע בינטל פון באשטעטיגטע צוטיילונגען זענען כולל שופל-גרייטע פראיעקטן***

***א פולע ליסטע פון צוגעטיילטע ביז דערווייל קען מען טרעפן [דא](#)***

גאווערנער קעיטי האקול האט היינט געמאלדן אז איבער $22 מיליאן זענען געווארן צוגעטיילט צו שטיצן 21 פראיעקן איבער ניו יארק סטעיט דורך די רעגיאנאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו. די צוועלפטע רונדע האט אריינגערעכנט גרענטס פאר די הויפט ארבעט און געלטער אין פארעם פון טעקס קרעדיט פון די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, צוגעשטעלט געווארן אויף אן אנגייענדן פארנעם און פאר די בעסטע פראיעקטן כדי צו שטיצן די באלדיגע באדערפענישן פון קאמיוניטיס. פינאנצירונג וועט שטיצן אימפאקטפולע פראיעקטן וואס שטימען איין מיט יעדע רעגיאנאלס סטראטעגישע צילן.

"צוזאמען,וואקסן די רעגיאנאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס ניו יארקס עקאנאמיע דורך באטאנען די רייכע מעלות אין יעדן ווינקל פון אונדזער סטעיט און אינוועסטירן אין פראיעקטן וואס וועט באשאפן גוטע, הויכע קוואליטעט פאסטנס,"**האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר זענען ממשיך צו מאכן טיפע אינוועסטירונגען אין ניו יארק קאמיוניטיס, בלייבן מיר איבערגעגעבן דאס צו טון אויף אזא אופן אויסצושפרייטן געלעגנהייטן, אויפמונטערן אונדזער טאלאנטפולע ארבעטער."

"דורך רעקאמענדירן שופל-גרייטע פראיעקטן וואס שטיצט יעדע רעגיאנס סטראטעגישע פלענער, טוען די רעגיאנעלע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאנסילס פארבעסערן קאמיוניטיס יעצט ווי אויך פאר צוקונפטיגע דורות," **זאגט לוטענענט גאווערנער דעלגאדו.** "די פראיעקטן דעמאנסטרירן ווי אזוי די רעגיאנאלע קאונסילס זענען לייזר פאקוסירט צו טרייבן עקאנאמישע געוואוקס און הצלחה איבער דער גאנצער סטעיט."

די אפליקאציע פאר ESD גרענט פינאנצירונג בלייבט אפן, און אפליקאציעס וואס ווערן איבערגעקוקט אנגייענדיגערהייט ביז די פאנאצירונג ענדיגט זיך. אפליקאנטן מיט שטארקע, שופל-גרייטע פראיעקטן וואס זענען איינגעשטימט מיט דער סטעיט און רעגיאנס עקאנאמישע אנטוויקלונג פריאריטעטן קענען איינגעבן דורך דער [קאנסאלידירטע פינאנצירונג אפליקאציע](#).

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענטקע, CEO און קאמישענרין האופ נייט האט געזאגט,** "די רעגיאנאלע קאונסילס זענען ווייטער א וויכטיגע שטימע פאר קאמיוניטיס איבער דער סטעיט דורך רעקאמענדירן פראיעקטן וואס וועט טרייבן אונדזער עקאנאמיע פאראויס. די צוטיילונגען וועלן ווייטער טראנספארמירן לאקאלע עקאנאמיעס איבער דער סטעיט דורך באשאפן גוטע פאסטנס און פראדוצירן נייע אינוועסטירונגען."

די צווייטע רונדע פון פראיעקטן זענען געווארן רעקאמענדירט ביי יעדע רעגיאנאלע קאונסיל צוליב זייער פראיעקט גרייטקייט און איינשטימונג מיט יעדע רעגיאנס סטראטעגישן פלאן. מערקווירדיגע פראיעקטן רעכענען אריין:

- **Owens-Brockway Glass Container, Inc. (צענטראל ניו יארק) - $2.8 מיליאן ESD גרענט, $1 מיליאן עקסעלסיאור פאסטנס שטייער קרעדיט:** Owens-Brockway Glass Container is., איז א גלאז קאנטיינער פאבריצירער, וואס וועט פארבעסערן איר פאבריק אינעם שטעטל פון סענעט, קאיוגע קאונטי. די פארבעסערונג וועט פארשטארקן די לעבנס-פעאיגקייטן פון דעם פאבריק דורך איבערבויען און צוריק אויסשטעלן אן אלטער גלאז-פאבריציר אויוון, דאס טראנספארמירן צו א נייע מער אויסהאלטעוודיגע אויוון, רעדוצירן CO2 ארויסלאז און פארשטארקן ענערגיע עפעקטיווקייט.
- **Diamond Packaging Holdings, LLC (פינגער לעיקס) - $500,000 ESD גרענט, $1 מיליאן עקסעלסיאר פאסטנס שטייער קרעדיט:** Diamond Packaging, א דיזיינער און פאבריצירער פון וועגווייזיגע און אויסהאלטעוודיגע בייגעוודיגע קארטאנען, וועלן אינוועסטירן אין נייע אינסטרומענטן און רעמאנט אינעם פאבריק. די קאמפאניע וועט קויפן א נייע דרוקמאשין, בויגן שניידער, און א נייע שנייד מאשין צו ווייטער פארשטארקן זייער פאבריק אין ראטשעסטער.
- **eVero Corporation (לאנג איילענד) - $550,000 עקסעלסיאר שטייער קרעדיט:** eVero, א מעלוויל-באזירטע העלטקעיר פראגראמווארג אנטוויקלער, בויעט פראגראמווארג געצילט ארום אליין-געפירטע קעיר. די קאמפאני וועט מאכן אינוועסטירונגען אין אן אויספרייטונג און קויפן נייע אפאראטן.
- **Westchester County Health Care Corporation - WMCHealth Cellular Tissue Engineering Laboratory (מיטל הודסאן רעגיאן) - $700,000 ESD גרענט:** Westchester Medical Center (WMC) באהויזט די Cellular and Tissue Engineering Laboratory (CTEL). די CTEL איז א העכסט מאדערנע קעמערל פאבריצירער און פראצעסירונג פאבריק, איינע פון די איינצעלע קעמערל און טישו אינזשענירעריי לעבאראטאריעס אין די הודסאן וועלי. WMC וועט ענדיגן פאזע 2 פון קאנסטרוקציע וואס איז כולל דאס צולייגן פון א פרואוו קעמערל טעראפיע פאבריק (ECTF). דער פאבריק וועט מאכן פארשריט אין ניו יארקס לעבן וויסנשאפט ביאספערע דורך אויספארשונג און קלינישע אפליקאציע פון איבערזעצונג פון קעמערל טעראפיעס.
- **MHXCO Foam Company, LLC (מאוהאק וועלי) - $500,000 ESD גרענט:** MHXCO Foam Company, א פאבריצירער פון שוים פראדוקטן, פלאנירט צו קויפן אן אייגן-געפאנצערטע עלעקטראן שטראל (פאר געמיש-פארבינדונג (די צווייטע און דריטע שטאפלען צו פאבריצירן) שוים צו פארמערן עפעקטיווקייט אין פאבריצירן און גלאבאלע קאנקורענץ. די אינוועסטירונג וועט האלטן די גאנצע פראדוקציע אין-הויז, אונטער איין דאך אויף עדסון גאס און ערלויבן די קאמפאני צו ווערן אומאפהענגיק אין אנדערע פאברעצירער.
- **City Innovations Collaborative - Life Science Incubator Facility (ניו יארק סיטי) - $4.5 מיליאן ESD גרענט:** City Innovations Collaborative - (CinC) איז א נייע רעגיאנאלע חידוש'דיגע מאטאר באשאפן דורך דער סיטי קאלעדזש פון ניו יארק, צו באזוימענען, קולטיווירן, און אוסהאלטן א בליענדיגע רעגיאנאלע לעבן וויסנשאפט עקאסיסטעם פאר איר אונטער-רעפרעזענטירטע NYC קאמיוניטי. ClnC וועט זיין א הויפט-דינגער אין דעם נייעם טעיסטי לעב בנין אין שכינות מיט סיטי קאלעדזש קאמפוס אין מערב הארלעם און וועט שטיצן קאמערציעלעזאציע באמיאונגען פאר עטלעכע נייע אונטערנעמונגען אויף איין מאל.

- **Turin Highland Lodge (צפון קאונטרי) - ESD $120,000 גרענט:** Turin Highland Lodge וועט זיין א ניי געבויטע זעקס-צימער אכסניא וואס וועט שטיצן ווינטער און זומער מאטאריזירטע און נישט-מאטאריזירטע פארוויילונג געלעגנהייטן אין דער טאג היל רעגיאן.
- **Storflex Holdings, Inc. (דרום'דיגע צירקל ) - $2.2 מיליאן ESD גרענט, $950,000 מיליאן עקסעלסיאור פאסטנס שטייער קרעדיט:** Storflex, א פאבריצירער פון פאליצעס פאר ריטעיל, פלאנירט צו פארטיגן א צוויי-ארטיגע פארגרעסערונג פראיעקט אינעם שטעטל פון ערווין און דעם דערפל פון ריווערסייד, ביידע געפונען זיך אין סטובן קאונטי. דער ביזנעס פארגרעסערונג פראיעקט וועט שטיצן די מאלטי-פאזע פאבריצירונג פון דיזיינער ריטעיל פאליצע קאמפאנאנטן, ארייגיי קילערס און פריזערס, און ענזשעניר סערוויסעס צו צושטעלן פאר קונים דורכאויס צפון אמעריקע און קאנאדא. Storflex וועט צולייגן נייע פראדוקציע ליניעס, ווי אויך א נייע ראבאטישע שווייסונג ליניע און א נייע פארב ליניע.

די REDC פראצעדור זעצט פאר צו שטיצן און פארשטערקערן ראיאנישע פאראינטערעסירטע פארטייען אינעם אנטוויקלען סטראטעגישע פלענער און פינאנצירונג פריאריטעטן וועלכע קומען נאך די לאקאלע עקאנאמישע באדערפענישן. היינט צו טאגן, האט מען צוגעטיילט מער ווי $7.7 ביליאן פאר מער ווי 9,500 פאסטנס שאפונגען און קאמיוניטי אנטוויקלונג פראיעקטן דורך דער REDC איניציאטיוו אויסגעהאלטן מיט יעדע רעגיאנס סטראטעגישן פלאן.

**איבער די קאַנסאָלידעיטעד פאַנדינג אפליקאציע**

דער קאַנסאָלידעיטעד פאַנדינג (פאראייניגטע פינאנצירונג) אפליקאציע איז געעפנט געווארן צו מאכן דעם פראצעדור פונעם אפלייען פאר א גרענט גלאטער און שנעלער. דער CFA פראצעס צייכנט אפ א פונדאמענטאלע ענדערונג אין דעם אופן וואס סטעיט רעסאָרסן ווערן אלאקירט, פארזיכערנדיג ווייניגער ביוראקראטיע און מער ווירקזאמקייט צו ערפילן ארטיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג געברויכן. די CFA סערווירט אלס דער איינציג איינטריט פונקט פאר צוטריט צו עקאנאמישע אנטוויקלונג פאַנדינג, צו פארזיכערן אז אפליקאנטן דארפן מער נישט שטייטלעך נאוויגירן מערערע אגענטורן און קוועלער אן קיין מעכאניזם פאר קאארדינאציע. יעצט טוהען עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן ניצן דער CFA אלס א שטיצע מעכאניזם צו האבן צוטריט צו מערערע סטעיט פינאנצירונג קוועלער דורך איין אפליקאציע, מאכנדיג דעם פראצעס שנעלער, גרינגער, און מער פראדוקטיוו. לערנט מער וועגן די CFA [דא ].

**איבער די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס**

דער ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו איז א הויפט שטאנדטייל פון די סטעיט׳ס צוגאנג צו סטעיט אינוועסטירונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג. אין 2011, זענען 10 ראיאנישע קאונסילס זענען אוועקגעשטעלט צו אנטוויקלען לאנג-טערמיניגע סטראטעגישע פלענער פאר עקאנאמישע וואוקס פאר זייער ראיאנען. די קאונסילס זענען פובליק-פריוואטע צוזאמענארבעטשאפטן צוזאמענגעשטעלט פון ארטיגע מומחים און סטעיקהאָלדערס פון ביזנעס, אקאדעמיע, ארטיגע רעגירונג, און נישט-רעגירונג ארגאניזאציעס. די ראיאנישע קאונסילס האבן איבפדאסניי אנגעדייטעט דעם אופן וויאזוי ניו יארק אינוועסטירט אין דזשאבס און עקאנאמישע וואוקס דורך שטעלן אין פלאץ א קאמיוניטי-באזירטע, פון-אונטן-ארויף צוגאנג און אוועקשטעלן א פארמעסטערישע פראצעס פאר סטעיט שטיצע-מיטלען. לערנט מער אין [regionalcouncils.ny](regionalcouncils.ny).

###